# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת לך, י"ג חשון, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 6 (471)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................5:37
מוצאי שב"ק....................7:05

**שיעורים כסדרן**

נ"ך........................אסתר א׳-ב׳
בבלי.......................עירובין פ"ג
ירושלמי..................מגילה כ"ג
תוספתא...........בבא מציעא ג׳
רמב"ם.........................שבת ו׳

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

עָשׂוּ מִלְחָמָה אֶת בֶּרַע מֶלֶךְ סְדֹם וְאֶת בִּרְשַׁע מֶלֶךְ עֲמֹרָה שִׁנְאָב מֶלֶךְ אַדְמָה וְשֶׁמְאֵבֶר מֶלֶךְ צְבֹיִים וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִיא צֹעַר. אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה גֶעפִינֶען מִיר דִי עֶרְשְׁטֶע מִלְחָמָה אִין דִי תּוֹרָה, וֶוען דִי פִינְף קֶענִיגְן הָאבְּן גֶעפִירְט אַ מִלְחָמָה מִיט דִי פִיר קֶענִיגְן.

רַשִׁ"י טַייטְשְׁט אוֹיס דִי אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי קֶענִיגְן וִוי שְׁלֶעכְט זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען, "בֶּרַע" אִיז גֶעוֶוען "רַע לַשָּׁמַיִם וְרַע לַבְּרִיּוֹת", שְׁלֶעכְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ מֶענְטְשְׁן, "בִּרְשַׁע" אִיז גֶעוֶוען "נִתְעַלָּה בְּרִשְׁעוּת", עֶר הָאט גֶעהַאט אַ הוֹיכֶע מָאס רִשְׁעוּת, "שִׁנְאָב" הָאט פַיינְט גֶעהַאט דֶעם טַאטְן אִין הִימְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אִיבְּרִיגֶע שְׁלֶעכְטֶע קֶענִיגְן וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן אֵיינְס אִינֶעם צְוֵוייטְן, לוֹיט וִויפִיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער לֶעבְּט עֶר בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס דִי שְׁלֶעכְטֶע קֶענִיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט מִלְחָמוֹת אוֹיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ל"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ זוּכְן נָאר שָׁלוֹם, סַיי אַז ס'זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידְן, אוּן סַיי אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר זָאל אַלְץ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין לֶעבְּן, סַיי וֶוען ס'גֵייט אִים גוּט אוּן סַיי וֶוען נִישְׁט.

דָאס גֵייט צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, שְׁוַואכְט דָאס אָפּ זַיין אֱמוּנָה, עֶר הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוּן דַאן הוֹיבְּט עֶר זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיט אַלֶע אַרוּמִיגֶע, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, קֶען זִיכֶער נִישְׁט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע.

שָׁלוֹם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען נָאר זַיין, חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹף עוּקְצִין) "לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ כֵּלִי וָואס זָאל הַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת פַאר אִידְן, נָאר שָׁלוֹם. אוּן וַוייל שָׁלוֹם אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן אַזַא וִויכְטִיגֶע זַאךְ, פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מְ'זָאל זִיךְ יָא קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, כָאטְשׁ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז סְ'וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שׁוּם גוּטְס פוּן דִי מַחְלוֹקֶת, סְ'וֶועט נָאר בְּרֶענְגֶען צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען לֵיידֶער אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ, אוּן מִיט דֶעם שְׁטֶערְן זֵיי אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת פוּן צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מְ'מוּז אַלְץ הַאלְטְן אַזוֹי וִוי יֶענֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ הָאבְּן זַיין אֵייגֶענֶעם מֵיינוּנְג, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן וַוייל יֶענֶער הַאלְט אַנְדֶערְשׁ. יֶעדֶע רֶגַע וָואס מְ'הָאט פַיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף אַ לַאו פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ" (וַיִּקְרָא י"ט, י"ז), אוּן מִיט דֶעם אִיז דִי לַאו פִיל עֶרְגֶער פוּן אַנְדֶערֶע לַאוִין, וַוייל אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע לַאו אִיז מֶען נָאר עוֹבֵר בִּשְׁעַת מְ'טוּט עֶס, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ פַיינְט הָאבְּן אַ אִיד, הָאט מֶען אַן עֲבֵירָה יֶעדֶע רֶגַע וָואס מְ'הָאט יֶענֶעם פַיינְט.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען קוֹדֶם מַאכְן שָׁלוֹם בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, אַ צַדִּיק וָואס קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם גוּטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואסֶערֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן עֶר גֵייט דוּרְךְ זָאל זַיין הַארְץ שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן גַאנְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן קֵיינֶעם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֶעבְּט עֶר בְּשָׁלוֹם אוֹיךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע אַרוּמִיגֶע, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַ טַעַם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר הָאט זִיס אוּן גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֶךְ תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ?

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים בִּלְבָד" - דִי גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, דִי גֶעלְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ זַאמְלְט זִיךְ אַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס בַּאגְלֵייט אִים נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִי תּוֹרָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זָאלְן קוּמֶען צוּ אַ לְוָיָ׳ צוּ בַּאגְלֵייטְן אַ נִפְטָר. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לְוָיָ׳ פוּן אַ מֵת מִצְוָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל בַּאגְלֵייטְן, אָדֶער עֶר וִויל פָּשׁוּט אַז עֶס זָאל זַיין מֶער מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי לְוָיָ׳. יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז יָא דָא גֶענוּג מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיךְ אַהִינְקוּמֶען. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַזוֹי זָאל עֶר נִישְׁט מְבַטֵל תּוֹרָה זַיין פוּן דִי בָּחוּרִים. חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ט:) אַז מֶען שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאךְ זִיכֶער אִין דֶעם פַאל אַז מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אַז זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי לְוָיָ׳.

דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אַז דֶער עִיקָר כָּבוֹד פוּן אַ נִפְטָר אִיז וֶוען עֶר הָאט דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפוּלְט זַיינֶע טֶעג אוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס; וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מִיט זַאכְן פוּן חֵדֶר, פוּן דֶעם רֶבִּי'ן פוּן יֶענֶעם רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן, וַוייל וֶוען מֶען מַאכְט אַוֶועק דֶעם אוּן יֶענֶעם, בַּיים סוֹף מַאכְן דִי קִינְדֶער אַ פְּשָׁרָה - זֵיי מַאכְן אַלֶעמֶען אַוֶועק...

רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער נָאר גוּטְס; אַלֶע וֶוערְטֶער זָאלְן זַיין גוּטְס, וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"א)

# דַארְף מֶען הָאבְּן גְרֵייט דִי פַּאסְפָּארְטְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַמֶערִיקֶע?

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

אֵייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, אִיר ווילְט וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר אַלֶע דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַמֶערִיקֶע; אַ פְרוֹי זָאגְט פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן אַז זֵי הַאלְט מִיט זִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט דִי פַּאסְפָּארְטְן פוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וַוייל מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט מֶען וֶועט דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן, אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיר זָאלְט אוֹיךְ אַזוֹי טוּן.

עֶס דֶערְמַאנְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶס זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס פִירְן זִיךְ צוּ לֵייגְן אוּנְטֶער זֵייעֶר קִישְׁן אַ פְלַאשׁ בְּרוֹינְפְן, אוּן וֶוען זֵיי וֶועקְן זִיךְ אוֹיף פְרֶעגְן זֵיי: ׳מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא?!׳ אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן טְרִינְקֶען בִּיז זֵיי וֶוערְן שִׁיכּוֹר אוּן שְׁלָאפְן נָאכְאַמָאל אַיין; זֵיי זָאגְן אַז ווילַאנְג מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא דַארְף מֶען אַיינְשְׁלֶעפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל אַז מֶען שְׁלָאפְט זִינְדִיגְט מֶען נִישְׁט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה; מֶען דַארְף לֵייגְן אַ תְּהִילִים אוּנְטֶערְן קִישְׁן, אוּן וֶוען מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען זֶעט אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דָא, זָאל מֶען נֶעמֶען דֶעם תְּהִילִים, זָאגְן תְּהִילִים אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

זָאגְט פַאר דִי פְרוֹי וָואס טְרָאגְט אִירֶע פַּאסְפָּארְטְן מִיט זִיךְ וְכוּ׳, אַז אַנְשְׁטָאט הַאלְטְן אִין אִיר טַאשְׁקֶע טָאג אוּן נַאכְט אִירֶע פַּאסְפָּארְטְן זָאל זִי הַאלְטְן מִיט זִיךְ אַ תְּהִילִים אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

אַז אִיר ווילְט וִויסְן וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעהַאלְטְן זָאלְט אִיר לֶערְנֶען ׳אֲשֶׁר בַּנַחַל׳, אִין דִי בְּרִיווּ לִיגְט אַלֶעס; אַלֶע סוֹדוֹת, אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען – לִיגְט אִין דִי בְּרִיווּ. קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קוּמֶען זָאגְן דָאס אוּן יֶענְץ וֶוען מִיר הָאבְּן דִי בְּרִיווּ אוּן דָארְט וַוייזְט אוּנְז מוֹהֲרָא״ש וָואס מִיר זָאלְן טוּן, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן.

מִיר וֶועלְן וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, דִי גְרָאדֶע שֵׂכֶל אוּן זִיסֶע לֶעבְּן פַאר אַלֶעמֶען אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ וָואס וֶועט אוּנְז מִיט נֶעמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ״א)

\>>>>>>

יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פִילֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. דַאן וֶועלְן דִי הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים אִים בַּאגְלֵייטְן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט דֶער תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק י״ב) ״לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם מְלַוִּין אוֹתוֹ עַד שָׁעָה שֶׁהוּא נִכְנָס לְבֵית עוֹלָמוֹ״ - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן.

מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ וָואס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט אִים אָפְּהִיטְן דִי גַאנְצֶע וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס.

דִי לְוָיָ׳ פוּן מֶענְטְשְׁן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר. פַּארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ נִפְטָר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס מִיט אַ גְרוֹיסֶע לְוָיָ׳. נִישְׁט פוּן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק. מֶען דַארְף נָאר זֶען זִיךְ גוּט אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן נָאר זֵיי וֶועלְן אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג.

מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק הָאט גֶעוואוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר אִיד, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר׳ הֶערְשְׁקָא, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין עֶפֶּעס אַ צוּבְרָאכְן הַייזְקֶעלֶע, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן פַאר זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זַ״ל גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ״ל אִינְמִיטְן דִי נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּם עֶק שְׁטָאט דָארְט וִוי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא וואוֹינְט אוּן עֶר זָאל קוּקְן זַיין עֲבוֹדָה וָואס עֶר טוּט יֶעצְט בַּיי חֲצוֹת.

אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אַרַיינְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען וִוי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא זִיצְט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וַוארִימְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק. רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער רוֹשֶׁם וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִיד וָואס אִיז אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין כָּבוֹד פַאר זַיין לֶערְנֶען. עֶר זִיצְט אָבֶּער אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַזַא חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוען רֶבִּי הֶערְשְׁקָא אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין לְוָיָ׳. בַּיי דִי לְוָיָ׳ הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט נָאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן. רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער מִיט זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אוּן נָאךְ אַ אִיד.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי לְוָיָ׳, עֶר הָאט דָאךְ יָא גֶעוואוּסְט אַז דֶער אִיד אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פָּשׁוּט׳עֶר אִיד. הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט צוּפִיל אוֹיס וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס זֶענֶען דָא יֶעצְט אוּנְטְן בַּיי דִי לְוָיָ׳. וֶוען דֶער רֶבִּי הֶערְשְׁקָא קוּמְט אָבֶּער אַרוֹיף אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶועט עֶר הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ בַּאגְלֵייטֶערְס. דִי צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים וֶועלְכֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי פִילֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן בְּעִיקָר פוּן דִי לִיכְטִיגֶע נֶעכְט וָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי לְוָיָ׳ דָארְט אוֹיבְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֵיין צוּ אַ לְוָיָ׳, אִיז דַאן דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דֶעם פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם סוֹף אָן. אוּן דָאס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אָנְצוּפוּלְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וֶוען מֶען פִירְט אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אִין זַיין לֶעבְּן, דַאן אִיז דָאס נִישְׁט אַ פָּשׁוּט׳עֶר אָרוֹן, נָאר דָאס אִיז אַן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶער אָרוֹן וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט פִילֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי צְבִי אֱלִימֶלֶךְ מִבְּלָאזְשׁוּב זי״ע, דֶער ״צְבִי לַצַּדִּיק״, פְלֶעגְט אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת. אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער חָסִיד, יֶענֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטֶע׳ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד׳ל דִינוֹב׳עֶר זי״ע דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן ״בְּנֵי יִשָּׂשכָר״ זי״ע, אוּן דֶער חָסִיד הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִּיק זִיצְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת.

פַאר דֶעם חָסִיד אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטִיקְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג: ״אִיר זֶענְט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט מִשְׁנַיּוֹת?״ וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: ״אוֹי אוֹי, בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דֶער מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן״...

דֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, הָאט אִים דֶער צַדִּיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרָאפְּלֵייגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס עֶס כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעצְטֶער טָאג וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִים דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן. אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אַז דִי נְשָׁמָה פְלִיט אִים אַרוֹיס פוּן דֶעם אַלֵיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אָבֶּער דוּרְךְ מִשְׁנַיּוֹת קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים! נוּ, זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת?!״

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת אַ נִפְטָר, וֶוען אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אוּנְטֶער אַ מַסֶכְתָּא מִשְׁנַיּוֹת וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ. מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת פַאר דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. ״מִשְׁנָה״ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ״נְשָׁמָה״, אוּן אוֹיבּ קֶען דָאס הֶעלְפְן אוּן דֶערְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְנ׳ס נְשָׁמָה, קֶען עֶס זִיכֶער אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן הֵיילִיגְן דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז אֵיינֶער זָאל טַאקֶע לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת פַאר אִים? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז דֶעמָאלְט, נָאר עֶר לֶערְנְט אַלֵיינְס מִשְׁנַיּוֹת צוּ מַאכְן אַן עִלּוּי פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְ׳ס טוֹבוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר עֶר כַאפְּט אַרַיין וִוי מֶער תּוֹרָה, וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ד׳ עֶרֶךְ לְוָיָה וְחֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ מֵת מִצְוָה)

## די לעבנסגעשיכטע פון הייליגן רבי'ן (פא)

אין קורצן פון פריער: דער רבי ציעט זיך קיין זלאטיפאליע וואו מ'נעמט אים אויף זייער שיין. יום כיפור דאווענט ער אין די גרויסע שול.

**שלה**

מוצאי יום כיפור האט דער רבי געזאגט א שיין ווערטל אויף זיין שטייגער איבער די בעלי תפלות פון יום כיפור. ער האט געזאגט אז חז"ל זאגן דאך (בבא קמא צ"ז:) אז די מטבע פון אברהם אבינו האט געהאט אן אלטער מאן מיט אן אלטע פרוי פון איין זייט און א בחור מיט א מיידל פון די אנדערע זייט, און יעצט האט דאך דער שווער געדאווענט מנחה און דערנאך האט דער איידעם געדאווענט נעילה, און ביידע פון זיי האבן נאר געדאווענט פאר זייערע ווייבער וואס האבן זיך צוגעהערט פון ווייבער שול, זיי האבן געוואלט געפעלן פאר זייערע ווייבער אז זיי קענען שיין דאווענען. און די ביידע זענען געווען חסידים פון שפאלע.

**שלו**

דער רבי האט דעמאלט געזאגט אז ער האט געוואלט ביים דאווענען טון איבער דעם ענין פון די פריפריניאציע, דאס מיינט דאס וואס די פריצים האבן אוועקגענומען די ברונפן ברענעריי פון אידן. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט, "אויב ווייסט איר, שטעלט זיך דער סמ"ך מ"ם קעגן יעדע דבר שבקדשה, ער שטארקט זיך מיט אלע כוחות צו שטערן און מבלבל זיין, און יעצט איז יענער געקומען דאווענען פאר'ן עמוד, האב איך אים אוועק געשטופט".

**שלז**

אזוי ווי די צוויי מענטשן, דער איידעם מיט'ן שווער, האבן פארשטאנען אז זיי זענען נישט געפאלן פאר'ן רבי'ן, האבן זיי באשלאסן צו מאכן דא עפעס א מחלוקת.

זיי זענען געפארן קיין שפאלע און האבן אנגערעדט אויפ'ן רבי'ן אסאך פאלשע מעשיות, זיי האבן אויסגעטראכט זאכן וואס זענען נישט געשטויגן און געפלויגן, און דאס אלעס האבן זיי דארטן דערציילט, ביז מ'האט זיי געגלויבט און אנגענומען די לשון הרע און שקרים, און דאן האט ער געמאכט א גרויסע מחלוקת אויפ'ן רבי'ן.

פון דעמאלט האט זיך אנגעהויבן א פייערדיגע מחלוקת קעגן רבי'ן, ביז ממש די גאנצע שטאט האט געקריגט אויפ'ן רבי'ן. אזוי ווי ער איז געווען קודם א שמש אין זלאטיפאליע, און יעצט האט ער אנגענומען די לשון הרע און געמאכט א גרויסע מחלוקת אויפ'ן רבי'ן, דעריבער זענען נאכגעשלעפט געווארן נאך אים די מענטשן פון זיין שטאט און אויך די מענטשן פון זלאטיפאליע.

די געפערליכע מחלוקת וואס איז געווען דארט אויפ'ן רבי'ן, און די שרעקליכע יסורים וואס ער האט דארט געליטן, קען מען זיך גארנישט פארשטעלן און באגרייפן, דער רבי איז געזעסן אין זלאטיפאליע ממש ווי אויף דערנער.

**שלח**

דער רבי האט געזאגט אז דאס איז פון הימל אז ער מוז דארט זיצן, ווייל ער פארעכט דארט די עבירה פון ירבעם בן נבט.

**שלט**

נאך סוכות איז ער געפארן קיין זלאטיפאליע, און דארט האט ער געפונט א

<<<<<<




## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אִיךְ צִיטֶער פוּן דִי אוֹיסְגַאנְג פוּן דִי וַואלְן אִין אַמֶעְרִיקֶע

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּארְן דָאס יָאר קַיין אוּמַאן, עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַזַא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע יָאר, שְׁנַת תש"פ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. יֶעצְט גֵייט זַיין וַואלְן אִין אַמֶעְרִיקֶע אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וֶועט פַּאסִירְן אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַן אַלְטֶער אָפְּגֶעקַאלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן פִירְן אַ לַאנְד. וֶוען אִיךְ לֵיין עֶס וֶוען אִין הִיסְטָארְיֶע בִּיכֶער וָואלְט עֶס גֶעוֶוען גַאנְץ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער עֶס מִיטְצוּלֶעבְּן אִיז גָאר שְׁרֶעקֶעדִיג.

מַיין גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג אִיז גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּטֶע יָאר, אוּן יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, צִיטֶער אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וָואסֶערֶע סָארְט יָאר עֶס גֵייט קוּמֶען. אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג צוּ מַאכְן אַז דָאס יָאר זָאל זַיין גוּט אוּן פֵיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן אוּמְזִיסְטִיגֶע זָארְג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי זִיס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס; נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט שָׁאדְן מַאכְן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס. אַז מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר אוּן אַז מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף; עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוֹיבּ דֶער אִיז פְּרֶעזִידֶענְט אָדֶער יֶענֶער אִיז פְּרֶעזִידֶענְט, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין אֵיין זַאךְ 'אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט דִי תּוֹרָה'.

הֶער אוֹיף לֶעבְּן מִיט דִמְיוֹנוֹת, אוֹיבּ דֶער פְּרֶעזִידֶענְט גֶעווִינְט וֶועט זַיין גוּט אוּן אוֹיבּ יֶענֶער גֶעווִינְט וֶועט זַיין שְׁלֶעכְט; נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה, אוֹיבּ מֶען וֶועט גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וֶועט זַיין גוּט פַאר אוּנְז אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה דֶעמָאלְט קוּמְט אַן עוֹנֶשׁ מִן הַשָּׁמַיִם.

מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שְׁנַת בְּרָכָה, אַ שְׁנַת גְאוּלָּה; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי נַייעֶס וָואס הַאקְן אוּן לִיאַרְמֶען טָאג אוּן נַאכְט אִין קָאפּ אַז דֶער וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה אָדֶער יֶענֶער וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה. אַז דִי נַייעֶס רֶעדְט אִין אִידִישׁ מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז דָאס אִיז כָּשֵׁר; מֶען קֶען רֶעדְן אִין אִידִישׁ, שְׁרַייבְּן אִין אִידִישׁ - אוּן עֶס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל אַ יְשׁוּעָה וֶועט זַיין נָאר אַז מֶען וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ יְשׁוּעָה וֶועט זַיין וֶוען אַלֶע וֶועלְן אַנֶערְקֶענֶען אַז 'אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ'; דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שְׁנַת בְּרָכָה, אַ שְׁנַת פַּרְנָסָה.

אַז דוּ ווִילְסְט אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן - זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן הֶערְן נַייעֶס; נַייעֶס אִיז אַ שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ, עֶס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן וַוארְפְט אִים אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ אַרַיין לֵייגְן אַ מוֹרָא אִין אַייךְ, "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְּן אַרוֹיס וֶוען דִי ווִינְט בְּלָאזְט דֶערוֹיף, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם) דֶער "עָלֶה נִדָּף", מֵיינְט מֶען דֶער פַּארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צַייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס פוּן מִלְחָמוֹת וְכַדוֹמֶה; אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וָואס לֶעבְּן מִיט נַייעֶס, זֵיי וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, דִי נַייעֶס וַוארְפְט שְׁטֶענְדִיג אַ פַּחַד אוּן אַ פַּאנִיק, דָאס הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶער ווִי יֶעדֶע צָרָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקֹּתַי, פֶּרֶק ז) רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט דֶערְצֵיילְט: "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", אֵיינְמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אִינְמִיטְן הָאט אַ ווִינְט צֶעבְּלָאזְן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי בְּלֶעטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אֵיינֶע אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוֹל, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים", מִיר זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד אַז מֶען גֵייט אוּנְז הַרְגְ'נֶען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט אוּנְז נִישְׁט נָאךְ, הָאבְּן מִיר גֶעוֵוייְנְט אַז עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן בַּיי אוּנְז דָאס וָואס שְׁטֵייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס הֶערְן דִי נַייעֶס, מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט. מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, בְּשַׁעַת קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט.

ווארוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין נַייעֶס אִיז דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זַיין נַייעֶס אִיז אַ בְּלַאט גְמָרָא, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט; עֶר ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן אָדֶער עֶרְגֶער מַאכְן; אַזַא אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועלְט, וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין הָאפֶענוּנְג אִיז נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, חַזֶר זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין וֶועט דִיר גוּט זַיין; חַזֶר זִיךְ: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים", אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, "וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", נָאר עֶר אַלֵיינְס הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים,
קען מען ליינען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3



>>>>>>

גְרוֹיס מוֹיל קֶעגְן רֶבִּי״ן, אוּן גֶעמַאכְט גָאר אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ׳ן רֶבִּי״ן, בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּי״ן, אוּן מְ׳הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּי״ן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי לָשׁוֹן הָרַע וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן.

### שמ

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, ״אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן מִיר, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אָבֶּער אוֹיף דֶעם וָואס מְ׳הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אִים״.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ וֶוערְטְל, ״חֲזַ״ל זָאגְן דָאךְ אַז מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרַיינְוַוארְפְן אִין לֵייבְּן גְרוּבּ ווִי אֵיידֶער צוּ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דִי הֶענְט פוּן זַיין פַּיינְט, וָואס טוּט מֶען אָבֶּער וָואס דֶער שׂוֹנֵא אַלֵיין אִיז דֶער לֵייבּ?״

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, ״אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט זַיין אַ שֵׁיין שְׁפִּילֶעכְל מִיט אִים״.

### שמא

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶערְקֶערְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל עֶר אִיז אַרוּמְגֶעפָארְן אַסַאךְ אוּן גֶערֶעדְט אִיבֶּערָאל שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְ׳ן רֶבִּי״ן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם אַז עֶר מַאכְט מַחְלוֹקֶת אוּן דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים זַאכְן וָואס הָאבְּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן אָדֶער גֶעטְרַאכְט דֶערְפוּן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז סְ׳טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי אַז מְ׳הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי מַחְלוֹקֶת צוּ אִים.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים קי״ח, ז׳) ״וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי״, לִכְאוֹרָה אִיז דָאךְ שְׁוֶוער, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאךְ גֶעווּאוּסְט אַז זַיין פַּיינְט אִיז שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען אַ נְקָמָה אִין אִים? חֲזַ״ל זָאגְן דָאךְ (מוֹעֵד קָטָן ט״ז:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוּאֵל ב׳ כ״ב, א׳) ״וַיְדַבֵּר דָּוִד לַה׳ אֶת דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת בְּיוֹם הִצִּיל ה׳ אֹתוֹ מִכַּף כָּל אֹיְבָיו וּמִכַּף שָׁאוּל״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ, ״דָוִד, דוּ זִינְגְסְט שִׁירָה אוֹיף דִי מַפָּלָה פוּן דָוִד?! וֶוער דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען שָׁאוּל אוּן עֶר דָוִד, וָואלְט אִיךְ גֶעמַאכְט פַארְלִירְן אַסַאךְ דָוִד׳ס צוּלִיבּ אִים״, וַוייל שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל רֶעכֶענֶען דָארְט אוֹיס זַיין גְרוֹיסְקֵייט. ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דָוִד הָאט גֶעוָואלְט זֶען נְקָמָה אִין שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ?

נָאר דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אוֹיגְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זֶען אִין מַיין פַּיינְט, אִיךְ זָאל זֶען וואוּ עֶר שְׁטֵייט, אִיךְ זָאל ווִיסְן אִין וֶועלְכֶע מַדְרֵיגָה עֶר אִיז יֶעצְט, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ ווִיסְן פּוּנְקְטְלִיךְ זַיין מַדְרֵיגָה״.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ״אִיר זָאלְט ווִיסְן מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אוּן פְרַיינְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ אוֹיסְזָאגְן אַ סוֹד, אוּן אִיר זָאלְט בַּאהַאלְטְן דֶעם סוֹד עֶס זָאל זַיין נָאר צְווִישְׁן אַייךְ, נִישְׁט צוּ מַאכְן מֶער מַחְלוֹקֶת, וְכוּ׳״.

שְׁפֶּעטֶער הָאט גֶעטְרָאפְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד פוּן רֶבִּי״ן, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעבְּלִיבְּן אִין כְּתַב יַד, מְ׳קֶען עֶס נִישְׁט דְרוּקְן.

### שמב

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יַעֲקֹב שִׁמְשׁוֹן מִשְּׁפִּיטִיוְקָא זי״ע הָאט גֶעהֶערְט וָואס דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע צְוֵויי מַלְשִׁינִים הָאבְּן גֶעטוּן, אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּי״ן אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע פַאלְשֶׁע מַעֲשִׂיוֹת, הָאט עֶר זֵיי שְׁטַארְק גֶעשָׁאלְטְן מִיט דִי קְלָלָה וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי מְרַגְּלִים וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, אַז זֵייעֶר צִינְג זָאל זִיךְ אוֹיסְצִיעֶן בִּיז זֵייעֶר בּוֹיךְ (סוֹטָה ל״ה.).

פַארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## שיינע סיום הש״ס אין ישיבה

די וואך דינסטאג איז פארגעקומען א שיינע סיום הש״ס אין ישיבה, ווען הבחור החתן שמעי איינהארן נ״ו האט זוכה געווען מסיים צו זיין גאנץ ש״ס.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען די תלמידי הישיבה און פילע קרובים און באקאנטע זיך מיטצופרייען מיט די שמחה.

ביים סיום האט צוערשט גערעדט דער מחותן מו״ה משה ארי׳ שניצלער הי״ו, וואס האט ארויסגעברענגט זיינע דאנק געפילן צום אייבערשטן אז ער איז זוכה מיטצוהאלטן נאך א סיום הש״ס אין זיין משפחה, נאכדעם וואס די פריערדיגע קינדער האבן שוין זוכה געווען מסיים צו זיין ש״ס, און גלייכצייטיג געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די זכי׳ צו זיין ביים הייליגן רבי׳ן, און דורך דעם זען אזויפיל נחת ביי אלע קינדער.

דערנאך האט דער חתן געמאכט דעם סיום, מ׳האט געזינגען ווארעמע ניגונים, און דאן האט גערעדט דער טאטע מו״ה שאול חיים איינהארן הי״ו, מיט ליב און דאנק צום אייבערשטן אז זיין זון האט זוכה געווען מסיים צו זיין ש״ס, און מיט דברי ברכה ער זאל ווייטער ממשיך זיין צו לערנען די הייליגע תורה זיין גאנץ לעבן.

דערנאך האט גערעדט דער ראש ישיבה שליט״א, וואס האט גערעדט בשבחו פונעם חשוב׳ן חתן וואס האט אויסער זיין התמדת התורה, אויך אסאך געהאלפן אין ישיבה, און איז באקאנט מיט זיינע מדות טובות. ווי אויך אז דער חתן האט דעם ריכטיגן שכל נישט אויסצונוצן דאס געלט פון די עלטערן פאר נארישקייטן, און דערפאר האט ער געבעטן זיינע עלטערן אז ער וויל זיין חתונה זאל פארקומען אין ישיבה, עס זאל נישט קאסטן קיין איבריג געלט.

דער ראש ישיבה שליט״א האט ארויפגערופן נאך עטליכע חתנים וואס זייער חתונה איז געפלאנט פארצוקומען בקרוב אין ישיבה, און יעדער פון זיי האט ארויסגעברענגט זייער שמחה אז זיי קענען האבן א פשוטע חתונה, דער עיקר שמחה איז נאך די חתונה אז מ׳איז זוכה אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל.

**כי טוב סחרה מכל סחורה!**

***

## סיום מסכת עירובין, מוצש״ק תולדות הבעל״ט

ווי מער מ׳דערנענטערט זיך צום גרויסארטיגן סיום מסכת עירובין, וואס וועט פארקומען אי״ה דעם קומענדיגן מוצש״ק פרשת תולדות, ווערן העפטיגער די צוגרייטונגען צום גאר שיינעם מעמד מיט׳ן רייכן פראגראם, אזוי ווי ביי די פריערדיגע גרויסע סיומים, מיט פרישע איבעראשונגען.

גאר בקרוב וועט מען אי״ה אנהויבן פארקויפן טיקעטס צום מעמד, עס איז ערווארטעט א גרויסער ציבור וואס וועט זיכער שטארק הנאה האבן, און זיך שטארקן מיט׳ן לימוד גמרא יעדן טאג חק ולא יעבור.

מער איינצלהייטן איבער׳ן סיום וועט נאכפאלגן אי״ה.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

# כולל "היכל הקודש" ברסלב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

מו״ה **משה ארי׳ שניצלער** הי״ו

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון הבחור החשוב **שלום** נ״ו

**מיר זענען שולדיג א גרויסע הכרת הטוב פאר ר׳ משה ארי׳ וואס איז אזוי איבערגעגעבן בלב ונפש פאר׳ן כולל, זיכער צו מאכן אז די אינגעלייט זאלן קענען לערנען מיט הרחבת הדעת.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאל אים ביישטיין ער זאל זען פיל אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט מיט פרנסה בריווח און הרחבת הדעת.**

וואונטשן די חברי הכולל

הרב יונה זינגער, יעקב לעזער, שלמה ראטה, שרגא הכהן שטראססער, בנציון יאקאבאוויטש, יחזקאל שארף, הערשי בוים, יעקב אײדליס, אלחנן ראטה, ישעי׳ איידליס, אברהם אייזנער


# סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **הלל לעבאוויטש** הי״ו, לעיקוואד

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

הפצת הגליון נתנדב

מו״ה **שאול חיים איינהארן** הי״ו

להצלחה בכל הענינים

# טראמפ אדערביידען?

**גאר וויכטיגע וואלן קומען יעצט פאר אין אמעריקע, פאר וועמען זאל מען וועלן? וועט עס טראמפ באווייזן צו מאכן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 6, 4**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידיו״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**